Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

רעיימראטיור נטעדנוואפ מעד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## דעם פארוווּנדעטן רויטארמייער

און אויב אפּ ביימער צעטיקט זיך די פּרוכט
און גיסט זיך אָן מיט שמעקעדיקע זאפטן, —
איז עס דאָס יוירגן פון דיין שלאכטנדיקן רום
און פון דיין אומפארגעסלעכער געוואגטקייט!

און אויב דאָס ווייץ איז אָנגעטריפּט מיט גאָלד
און פעלדער מיט גערוישן זוניקע זיך וויגן, —
איז עס דער וויי, וואָס האָסט הארכאָוועדיק באצאָלט
אין דיינע הערלעכע און אומגעהערטע זיגן!

און אויב דאָס קינד שפּילט זיך א זאָרגלאָזיקס אין זאמד
נ׳פאר אים די וועלט עפנט א פרייע זיך פאנאנדער, —
איז עס דערפאר, ווייל מיט דיין ביקס האָסט ניט פארזאמט
דעם טויט א צאם צו שטעלן בא די ראנדן!

און אויב די טשערעדעס זיך פּאשען אפן לאן
און פון די קוימענס קרייזלען זיכער זיך די רויכן, —
איז עס דערפאר, וואָס דו האָסט אויסגעשפּרייט דיין האנט
איבער דער ערד, און אפן יאם, און אין די הויכן!

און אויב די שטרעקעס זיינען אויסגעשפּרייט אין פּראכט
און בלייען האסטיק מיט א מונטערן געבלעבל, —
איז עס דערפאר, ווייל פאר דיין לאנד האָסטו אין שלאכט
ניט געשאנעוועט דאָס לייב און ניט דאָס לעבן!

דעם שטויב — א יעדער טייך דיר אָפּווישן פארלאנגט,
און ווינטעלעך פון בערג דעם אָטעם טראָגן דיר צושטייער;

עס לייגט צו ווונד דײַנער זיך צו דאָס גאנצע לאנד,
ווי צו א קינד — א מאמע א געטרײַע!

זי וועט אים אויסטרינקענ אינ שלאָפלאָזיקע נעכט,
זי וועט אים אויספעסטענ אינ פײַנ בא דײַנ געלעגער, —
ווי דו געפעסטעט בא דײַנ הארצנ האָסט די שווערד,
אז א פארניכטנדע זי זײַנ זאָל אינ געשלעגנ.

עס לאָזט, א שטילע, זיך די נאכט פאר דיר אראָפּ,
אז ניט געשטערט זאָל נאָך די שלאכטנ זײַנ דײַנ רו דאָ;
אונ ווי א שוועסטער בייגט זי אָנ זיך צו דײַנ קאָפּ
אונ לאָזט דעם טאָג צו דיר גענענענ ווי א ברודער.

די ווײַסע מארליע אפ דײַנ בראָנזיק-ברוינער האנט
זעט זיך אפּ שטרעקעס, ווי פונ בארג-שפּיצנ די שנייענ;
אָ, ניט פארגעסנ וועט דיך קיינמאָל ניט דאָס לאנד
אונ דײַנע ווונדער אינ די שלאכטנ, רויטארמייער!

אונטער דײַנ טראָט לייגט יעדער גראָז זיך מיט זײַנ טוי,
א יעדער בוים רײַסט זיך זײַנ שאָטנ דיר צו געבנ —
פאר דײַנ געלײַטערטער פאראכטונג צו דעם טויט
אונ פאר דײַנ בלוטיקער פארליבטקײַט אינעם לעבנ!

אינ דײַנע אויגנ — אײַנגעקרעמפּטער וויי
אונ האס צום פײַנט — פונ דר'ערד ביז צו די שטערנ;
זיי דרינגענ דורכ דעם ווירבלענדנ זאווײ,
ווו ס'ווערט דאָס פאָלק געפרוווט — זײַנ פרײַהײַט אונ זײַנ ערע.

ס'שפּארט פונ זיי דראנג אונ אומגעדולד אונ זאָרג:
צוריק אהינ, צו גרענעצנ א רײַט טאָנ!
אינ לידער שלאכטיקע פונ דאָר צו דאָר
וועט דיך דאָס פאָלק אינ הארצ אדורכטראָגנ דורכ צײַטנ!